# הכשרות

בהשגחת בי"ד המיוחד לעניני כשרות שע"י התאחדות הרבנים דארה"ב וקנדא
CRC OF THE UNITED STATES AND CANADA
אינפארמאציע, ידיעות און הוראות בכל עניני כשרות המאכלים




## כשרות אין די זומער טעג

2 פארשידענע קורצע שאלות וואס מאכט זיך אונטערוועגנס אדער ביים ווייַלן אויף די זומער פלעצער

16 ליסטע פון געשעפטן וואס שטייען אונטער אונזער השגחה אין די קעטסקיל בערג

## חמץ שעבר עליו הפסח

6

10 די השתלשלות הדברים איבער די מכירת חמץ ביי די "מאנהעטן ביר דיסטריביוטערס"

12 שאלות און תשובות. הלכה למעשה, בנוגע די ביר, צו וויסן את המעשה אשר יעשון

מאמר מיוחד לבאר וללבן הפולמוס הגדול הנעשה בעולם התורה, בנידון חמץ שעבר עליו הפסח



## דבר המערכת

ברוב שבח והודאה, זענען מיר בס"ד זוכה נאכאמאל ארויסצוקומען מיט'ן **גליון "הכשרות" לרגל חג השבועות** הבעל"ט, פאר אידן שוחרי תורה ומבקשי כשרות, וואס ווערט ארויסגעגעבן לויט די הוראות און הדרכה פון די רבנים הגאונים הצדיקים שליט"א חברי **"בי"ד המיוחד לעניני כשרות" שע"י התאחדות הרבנים דארה"ב וקנדא**, וועלכע פארפיגן בכל עת אויף אלע געביטן פונעם ריזן כשרות פראצעדור אפאראט.

דער גליון, וואס איז געווידמעט צו האלטן דעם ציבור אינפארמירט איבער אלע אייניצלהייטן אנבאלאנגט כשרות אין אלע געביטן, באזונדער איבער ענינים וועלכע ווערן נתעורר מזמן לזמן, און דער ציבור וויל וויסן את המעשה אשר יעשון ואת הדרך ילכו בה, האבן מיר אין דעם גליון בס"ד ברייט אויסגעשמועסט דעם ענין פון די פרישע שאלה וואס האט זיך געמאכט אויף די "ביר" וואס ווערן פארקויפט דאהי אין ניו יארק, אז זיי זענען חמץ שעבר עליו הפסח, וויבאלד מ'איז געוואויר געווארן אז דער בעה"ב איז א איד, וואס היט ליידער נישט קיין תורה ומצוות, און האנדלט מיט די ביר דורכאויס די פסח טעג.

דאס איז צוטיילט געווארן אין צוויי באזונדערע מאמרים, אויף לשון הקודש און אידיש, וואס דער מאמר אויף לשה"ק איז בעיקר געווידמעט

המשך בעמוד ט' >>>

כשרות אין די

# זומער טעג

דורכאויס די זומער חדשים, א צייט ווען טויזנטער אידן פארן ארויס אויף די קעטסקיל בערג אין די קאנטרי'ס און האטעלן, אנדערע פארן צו פארשידענע ערטער לאנגאויס אמעריקע און אייראפע אדער אנדערע מקומות, קומט אויס פארשידענע שאלות אין כשרות וואס קומט אונטער אונטערוועגנס, מיר וועלן אי"ה באריר א טייל פון די שאלות וואס מאכט זיך זייער אפט, סיי ביים זיך אפשטעלן ביי די גאז סטאנציעס, סיי אין האטעל'ס און פליגער'ס, אא"ו.

## קאווע



אונטערוועגנס קומט אסאך אויס זיך אפצושטעלן ביי גאז סטאנציעס אד"ג, צו קויפן קאווע, אויך איז פאראן אזעלכע וואס קויפן פון די קאמערציאלע קאווע מאשינען, וואס געפינען זיך דארט, דאס קען האבן א חשש פון חלב עכו"ם, און דארף האבן א פארלעסליכער השגחה, וואס אן דעם טאר מען דאס נישט טרינקן.

אזוי אויך ביי מילך, איז וויכטיג צו געדענקן, אז מילך וואס געפינט זיך ביי א גוי, אפי' אויב איז דאס חלב ישראל מיט א פארלעסליכע השגחה, אויב איז דער באָטל אפען, טאר מען להלכה פון דעם נישט טרינקן, נאר אויב דאס איז א פארמאכטע באטל מיט א גוטע השגחה.

די זעלבער הלכה גייט אן ביי א איד, וואס איז נישט קיין שומר תומ"צ, און מ'טאר נישט טרינקן קיין אפענע מילך וואס ליגט ביי אים. (דאס קען זיך אסאך מאכן אין ארץ ישראל, ווען מ'שטעלט זיך אפ אין די גאז סטאנציעס, אדער אפי' דאהי אויב ווייסט מען נישט אז דאס איז א איד).

צוליב דעם איז זייער וויכטיג צו זיין געהיטן אין די פילע "סטאַרבאָקס" געשעפטן, דורכאויס די טריי סטעיט געגענטער, וועלכע קענען צומאל ארויסשטעלן רעקלאמעס ביי געוויסע פון זייערע לאקאלן, אז זיי האבן "חלב ישראל", וואס דארט קען זיך מאכן אז דער גוי האלט אפענע מילך באָטעלך. דאס איז אין צוגאב צו די פילע חששות, וואס קען זיך מאכן אין די סארט געשעפטן, וועלכע האבן דאך נישט קיין שום השגחה, און די גוים ווייסן געוויס נישט וויאזוי נאכצוקומען די פשוט'ע כשרות מאסנאמען. באזונדער ביי די גרעסערע לאקאלן, ווערן פראדוצירט און פארקויפט אויך פליישיגע מאכלים און טריפה'נע געטראנקן, וואס באדייט אז די כלים זענען טריפה, והשומר נפשו ירחק מהם.

## מילך



עס איז וויכטיג צו וויסן, ווען מ'רעדט פון א פארלעסליכער השגחה אויף מילך, אז די אמעריקאנע כשרות ארגאניזאציעס געבן זייער השגחה אויף מילך און מילכיגע פראדוקטן פון דעם אזויגערופענעם "חלב סת"ם", וואס לויט דער פסק פון אונזערע גדולי ישראל איז דאס געהעריג "חלב עכו"ם" און איז אסור. ווי אויך איז דערביי דא די חשש אז די מילך קומען פון טריפה'נע קיען, וואס די ארגאניזאציעס זענען זיך מער מקיל ביי די שאלות, אבער ביי אונז איז דאס זייער הארב.

באזונדער אין אייראפע, קען זיך מאכן נאך חששות מיט די מילך, וואס אין די לעצטע יארן איז דארט זייער פארשפרייט געווארן טריפה'נע "אייזל מילך" פון די שווייצער פירמע Eurolactis, און די וועלכע פאָרן אויף וואקאציע קיין שווייץ, עסטרייך, איטאליע אא"ו, דארפן נזהר זיין חלילה נישט צו נוצן קיין שום אלגעמיינע מילך.



## נאטורליכע געטראנקן

די פארשידענע ערליי נאטורליכע געטראנקן וועלכע זענען דא צו באקומען אין די געז סטאנציעס, האבן אפט הארבע חששות, אויך ווען דאס האט א סימבאל פון די נאציאנעלע השגחות, (ווי עס איז איסגעשמועסט געווארן באריכות אין דער גליון "הכשרות" קיץ תשע"ו לפ"ק).



## פלייש

ווען מ'פארט אויף שבתים אדער טעג אין האטעלן וואו עס ווערן געקעיטערט און צוגעשטעלט די סעודות און מאלצייטן, זאל מען זיכער מאכן אז די פליישיגע מאכלים וואס ווערן סערווירט קומען פון אן איסגעהאלטענעם בית השחיטה מיט א גוטע היימישע השגחה לויט אונזער מסורה און זהירות, דאס זעלבע אז די קאך ווערט געפירט אונטער די אויפזיכט פון א פארלעסליכן רב המכשיר.



## פיש

אויב איז מען אין די פרעמד, און מ'וויל קויפן פיש ביי א גוי'אישע געשעפט, דארף מען זיכער מאכן אז זיי האבן די צוויי סימנים פון כשר'ע פיש, וואס דאס זענען סנפיר (פליס פעדערן), און קשקשת (דער הויט פון די פיש). צושניטענע פיש טאר מען נישט קויפן, וויבאלד זיי האבן שוין נישט די סימנים, וואס מ'קען נישט וויסן אויב דאס איז א כשר'ע סארט פיש, און אפי' אויב דער גוי טענה'ט אז דאס האט געהאט די סימנים, איז ער נישט באגלייבט.

אויב קויפט מען א גאנצן פיש, און דער גוי שניידט דאס מיט א מעסער, דארף מען גוט אפוואשן דער פלאץ וואו ער האט געשניטן, און דאס איבערגיין מיט די שפיץ פון א מעסער.



## אייער

אין א גוי'אישע געשעפט, מעג מען נאר קויפן די געוועגליכע ווייסע אדער ברוינע אייער. עס איז וויכטיג צו וויסן אז די ברוינע אייער האבן מער בליץ טראפן, און מ'ברויך אין דעם נזהר זיין.

געקאכטע אייער טאר מען נישט קויפן ביי א גוי, וויבאלד ביי אייער איז דא דער איסור פון בישול עכו"ם.



## נוצן כלים פון א גוי

אויב שטייט מען איין אין א גוי'אישער האטעל אדער אויף ערופלאן, טאר מען נישט נוצן די געשיר פון זיי, וויבאלד ס'איז דא אין זיי בליעות איסור.



## מייקראוועיוו

ווען מ'וויילט אין האטעלן וואס ווערן באנוצט דורך גוים, און מ'וויל אנווארעמען עסן אינעם מייקראוועיוו פונעם האטעל וואס איז טריפה, דארף דאס זיין ארומגענומען צוויי מאל Double wrapped, און זיכער מאכן אז דאס האט נישט קיין ריס אויף קיין שום פון די רעפס, און דאס אזוי אנווארעמען.

גלייכצייטיג דארף מען אכט געבן אז דער פלעסטיק זאל זיך נישט אויפרייסן אינמיטן אנווארעמען, דעריבער איז ראטזאם אז מ'זאל עס נישט אנווארעמען אויף א גאר הויכע היץ פאר א לענגערע צייט, נאר עס צוטיילן אין צוויי, עס זאל זיך נישט צורייסן פון די היץ.

## זהירות ביים פליען אויפן פליגער

### געפאקטע מאכלים

ווען מ'פארט אויף א פליגער וכדו', און מ'טיילט אויס כשר'ע מאכלים, ברויך מען נזהר זיין, דאס זאל זיין מיט די חותמות פונעם רב המכשיר, דאס הייסט אז פלייש און פיש דארפן זיין פארפאקט מיט צוויי חותמות, ברויט, מילך און קעז ברויכן זיין מיט איין חותם.

פירות און פרוכט ברויכן נישט קיין חותם, אבער די סארט ירקות וואס קענען האבן חששות פון תולעים, זאל מען נישט עסן אן א השגחה. אויב קומען די פרוכט צושניטן, און נישט פארפאקט מיט א השגחה, דאן טאר מען דאס נישט עסן, וויבאלד ס'איז מעגליך אז דער גוי האט דאס געשניטן מיט א טריפה'נע מעסער.

אויף די פליגער'ס וואס קומען אר"י, אדער אויב עס האט זיך אפגעשטעלט דארט, טאר מען נישט עסן אפילו די גאנצע פרוכט אדער ירקות אהן א פארלעסליכן הכשר. צוליב חשש ערלה וטבל.



### נוצן דער טאץ ביים זיץ

מ'ברויך געווארנט זיין נישט צו לייגן קיין הייסע עסן אויף די טאץ פארנט פון די זיצן וואס איז געמאכט צו עסן דערויף אן א הפסק פון א כלי, וויבאלד מ'עסט דארט מאכלי איסור, און עס קען אראפפאלן אויפן טאץ און נבלע ווערן.




## דער משקה ביר

איינס פון די עלטסטע משקאות ביי כלל ישראל, און געווייס אויך ביים אלגעמיינער באפעלקרונג, איז **"ביר"**. דאס איז פאקטיש דער עלטסטער "אלקאהאל" געטראנק, וואס איז שוין געמאכט געווארן פאר טויזנטער יאר צוריק, און ווערט שוין דערמאנט אין די תורה אין פרשת שמיני **"יין ושכר אל תשת"**. היינטיגע צייטן איז עס דער דריט מערסט פאפולערע געטראנק איבער די וועלט, נאך וואסער און טיי.

דער **טורי זהב** אין הלכות חדש (יו"ד סי' רצ"ג סק"ו) שרייבט אויף ביר: **"כיון שחייו של אדם תלוי ממש בזה, שעיקר שתיה שלהם הוא שכר שעורים וכיו"ב"**, דאס לעבן פון א מענטש איז אויף דעם אנגעהאנגן. דאס ווייזט ווי שטארק ביר איז געווען איינגעגעבן צווישן מענטשן, און איז אין אלע דורות צוגלייך געווען א גאר פאפולערע משקה און געשמאקע געטראנק.

עס איז אינטערעסאנט אז די גמרא אין **מסכת פסחים** (קז.) רעכנט שוין אויס עטליכע מיני ביר וואס מ'פלעגט אמאל מאכן, צווישן דעם ביר פון גערשטן, פייגן, און סטראבעריס. דער רשב"ם זאגט דארט אויפן פלאץ אז רוב סתם ביר פלעגט געמאכט ווערן פון טייטלען.

## מאכן ביר brewing

היינטיגע צייטן ווערן רוב ביר געמאכט פון מאלט **Malt** וואס ווערט מערסטנסטייל געמאכט פון גערשטן (שעורים), אבער פילע ווערן געמאכט פון אנדערע גרעינס ווי ווייץ אדער רייז. דער וועג וויאזוי דאס ווערט פראדוצירט איז, אז מ'נעמט די גערשטן, און מ'ווייקט דאס אין הייס וואסער ארום א שעה צווייי, דאס רופט זיך **מאָלט**. נאכ'ן זיך ווייקן פאר עטליכע שעה ווערן די סטארטשעס פון די גערשטן איבערגעדרייט צו צוקער, פון דעם קען מען דערנאך מאכן אלקאהאל.


רוב ביר געמאכט פון מאלט Malt

ווען עס ווערט צוקער, לייגט מען דאס אריין צו אויפקאכן, וואס דערנאך ווערט דאס אלקאהאל. ביי די ביר וואס מ'מאכט פון ווייץ, ווערט דאס אויך געמאכט צוזאמען מיט גערשטן, און נישט פון ווייץ אליינס.


מ'ווייקט דאס אין הייס וואסער פאר א שטיקל צייט

דער **טעם** און **קאליר** פונעם ביר איז געוואנדן אין די מאלט, לויט וויאזוי מ'מאכט די מאלט, אזוי איז דער ביר. ס'איז פאראן מאלט וואס מ'לאזט מער ליכטיג, דאס איז פאר די מער ליכטיגע ביר, און אנדערע זענען מער געדעכט, דאן איז די ביר מער געדעכט, און צומאל קען דאס זיין אזוי געדעכט אז דאס ווערט ממש שווארץ, וואס אין דעם ווענדט זיך דער טעם פון די ביר. (עס זענען פאראן פון די קלענער פירמע'ס וועלכע פראדוצירן נישט אליינס די מאלט, נאר קויפן פארטיגע מאלט ביי די גרויסע פירמע'ס, וויבאלד דער עיקר פון די ביר איז וויאזוי די מאלט געלונגט).

דאן מישט מען אריין א געוואוקס וואס רופט זיך האָפּס **Hops**, דאס


דאן מישט מען אריין א געוואוקס וואס רופט זיך האפס Hops

האט אין זיך א ביטערקייט, דאס איז א געוואוקס וואס מאכט די ביר זאל זיין גאר שטארק, און אויך האלט דאס צוריק פארשידענע אומריינע באשטאנדטיילן פון זיך ארייננכאפן אין די ביר.

דערנאך מישט מען אין דעם אריין יועסט **Yeast**, כדי דאס זאל זיך גוט אויפקאכן, מ'מישט דאס אויך מיט וואסער, וואס א גאר גרויסער טייל פון די ביר איז ווירקליך וואסער, דאס צוזאמען מאכט עס זאל ווערן ביר. דאס גייט אויך אריבער א פילטערינג, צו זיכער מאכן אז ס'בלייבט בלויז די ריינע טייל אין די ביר, און זאל זיין קלאר און געשמאק צום טרינקן.


דערנאך מישט מען אין דעם אריין יועסט Yeast

חוץ פון די זאכן, ווערט גארנישט אריינגעלייגט אין די ארגינעלע ביר, לויט'ן געזעץ טאר מען אין דעם נישט לייגן אנדערע זאכן און ארויסשרייבן, דאס איז א באקאנטע זאך אין די וועלט, אז די ארגינעלע ביר פארמאגן בלויז די אינגרידיענט'ס.

אין די וועלט איז פאראן פילע גרויסע פירמע'ס וועלכע מאכן ביר, אבער אין אמעריקע איז בעיקר פאראן די גרויסע פירמע'ס **"באָדווייזער"** (אייזנהאוער בוש), וואס דער הויפטקווארטיר אין סענט לואיס מיזורי, וועלכער איז די גרעסטע פירמע אין די וועלט, און **"מיללער"** וואס געפינט זיך אין מיוואלקי וויסקאנסן, און **"הייניקן"**, וועלכער איז באמת א האללאנדישע פירמע געגרינדעט אין אמסטערדאם, אבער רוב פון זייער ביר ווערט געמאכט דא אין אמעריקע.



"מיללער" וואס געפינט זיך אין מיוואלקי וויסקאנסן



"באדווייזער" וואס דער הויפטקווארטיר אין סענט לואיס מיזורי



"הייניקן", וועלכער איז באמת א האללאנדישע פירמע

## כשרות אויף ביר, און די חששות וואס קען זיך מאכן

ביר איז שוין אנגענומען ביי כלל ישראל פאר לאנגע יארן אז דאס ברויך נישט קיין השגחה. דאס איז אבער בלויז ביי די ארגינעלע ביר וואו מ'מישט גארנישט אריין, און נישט ביי וועלכע האבן פלעיווארס, און אויך נישט ביי אלע פירמע'ס צוגלייך.




הלכה'דיגע חששות וואס קען זיך מאכן ביי ביר געפינען מיר שוין אין **שו"ת נודע ביהודא** (מהדו"ק יו"ד סי' כ"ו), וואו מ'האט איז אנגעפרעגט איבער א געוויסער סארט מאטעריאל פון א טמא'נע פיש וואס רופט זיך 'הויזן בלאזן', וואס מ'מישט אריין אין די ביר כדי צו פילטערן די ביר, וויבאלד דער טבע פון דער מאטריאל איז אז ס'מאכט די זאך זאלן אראפגיין אונטן, וואס הגאון רבי יוסף זצ"ל אבד"ק קראקא האט דאס גע'אסר'ט, און דער נודע ביהודה איז מאריך דאס מתיר צו זיין מכמה טעמים.

דער שאלה איז געוויס נישט אקטועל ביי די ביר לויט דער סיסטעם וויאזוי מ'מאכט דאס היינט, ווייל די פילטערינג ווערט היינט געמאכט מיט פארשידענע סינטעטישע פילטערינג און נישט פון פיש אדער אנדערע נאטורליכע זאכן, מיר זען אבער אז אפי' אין יענע יארן האט זיך שוין געמאכט פארשידענע שאלות לגבי די כשרות פון די ביר.

וואו עס מאכט זיך יא דער שאלה ביי די היינטיגע ביר, איז ביי די סארט ביר אין וועלכע מ'מישט אריין **פלעיווארס**. דער עיקר חשש ביי די פלעיווארד ביר, איז צוליב וואס ביי זייער אסאך סארט ביר מישט מען אריין א פלעיווער וואס קומען פון פארשידענע **דגים טמאים**, בעיקר ביי די סארט ביר וואו מ'נוצט 'קלעם דזשוס' **Clam Juice**, דאס איז א סארט שעל פון א דג טמא. די קלעם דזשוס איז זייער פאפולער צווישן די ביר פאבריקן, בפרט ביי די מעקסיקאנער פירמע'ס ווי מאדעלאו **Modelo** און פעמסע **Femsa**, ביי די היספאנישע איז דאס ספעציעל פאפולער, דאס ווערט אויך פארקויפט איבעראל אין אמעריקע, וואס רעכנט אריין די לאקאלע גוי'אישע געשעפטן אדער גאז סטאנציעס.



די סארט ביר וואו מ'נוצט 'קלעם דזשוס' Clam Juice, וואס דאס איז א סארט שעל פון א דג טמא

די פלעיווארד ביר איז היינט זייער א גרויסע ביזנעס, און עס איז פאראן פילע Craft Breweries וועלכע פראדוצירן אלע סארט פלעיווארד ביר, וואס גאר אסאך פון זיי קומען פון דגים טמאים און אנדערע נישט כשר'ע פלעיווארס.

די ביר וועלכע האבן אין זיך אריינגעמישט פון די קלעם, איז זיכער אז מ'טאר דאס נישט טרינקן, ווייל דאס איז פון א דג טמא. אבער נישט בלויז די וועלכע האבן דער פלעיווער איז א פראבלעם, נאר סיי וועלכער ביר מיט א פלעיוואר קען האבן גרויסע חששות אין די כשרות דערפון, בפרט אז די קאמפאני'ס נוצן די זעלבע מאשינערי און טענק פאר אלע סארט פלעיווארס, וואס רעכנט אויך אריין די קלעם פלעיוואר.

דאס איז אבער נאר ביי די ביר מיט פלעיווארס, אבער די ארגינעלע ביר, וואס באשטייט בלויז פון מאָלט, וואסער, יועסט און האָפּס, ביי דעם איז נישט פאראן קיין שום חשש, וויבאלד מ'מישט נישט אריין קיין שום פלעיווארס, געזעצליך טארן זיי נישט אריינמישן קיין אנדערע אינגרידיענס ווי זיי געבן אן, צוליב דעם קען מען טרינקן ביר אפי' אויב דאס האט נישט קיין השגחה.




פאר עטליכע יאר צוריק איז אבער אויפגעקומען א חשש אויף די גרויסע פלענט פון באדוויזער אין סענט לואיס

ס'איז אבער זייער וויכטיג צו וויסן, אז דאס איז בלויז אקטועל ביי די גרויסע קאמפאני'ס ווי "**הייניקן**", "**באַדווייזער**", "**מיללער**", "**קאָרס**" וכו', וואס זיי ווילן דוקא בלייבן מיט די ארגינעלע ביר וואס באשטייט בלויז פון די א.ד. אינגרידיענס, כדי זיך צו האלטן צו די טראדיציע פון די ארגינעלע ביר, און די אלע גרויסע פירמע'ס פראדוצירן בלויז די ארגינעלע ביר און נישט מיט קיין פלעיווארס.

זיי קויפן אבער יא אפ פריוואטע ביר קאמפאני'ס וועלכע האבן פארשידענע סארט פלעיווארס, און פארקויפן דאס ווייטער אונטער די נעמען פון די פריוואטע קאמפאני'ס, נישט אונטער זייער נאמען, דאס ווערט אויך נישט פראדוצירט אין די זעלבע פאבריקן וואו זיי מאכן די אלגעמיינע ביר, וויבאלד זיי ווילן נישט פארלירן זייער ברענד, וואס צוליב דעם איז נישט פאראן קיין שום חשש אז מ'נוצט די זעלבע מאשינערי אדער טענק פאר די פלעיווארד און די נישט פלעיווארד, א חשש וואס איז באמת נישט קיין פראבלעם אפי' אויב זאלן זיי ווען יא נוצן די זעלבע מאשינערי, וויבאלד די פלעיווארס ווערן אריינגעמישט אין די ביר בלויז נאכן אויפקאכן, וואס דאס מיינט אז ביז מ'מישט אריין די פלעיווארס גייען די ביר אריבער די זעלבע סארט פראצעדור ווי די אלגעמיינע ביר, און הערשט דערנאך מישט מען אריין די פלעיווארס.

פאר עטליכע יאר צוריק איז אבער אויפגעקומען א חשש אויף די גרויסע פלענט פון "**באַדווייזער**" אין ס' לואיס, אז ביי די ביר וועלכע ליגן אין קענס, טוט מען דאס פעסטערייזן נאכן אריינגעגאסן ווערן אין די קענס כדי דאס זאל זיך האלטן פריש פאר אסאך יארן, וואס אין די זעלבע טענק פעסטערייזט מען אויך ביר קענס וועלכע זענען פון די קלעם דזשוס, און וויבאלד די טענק זענען אנגעפילט מיט הייס וואסער, גייען אריבער די בליעות פון די נישט כשר'ע ביר צו די געהעריגע ביר און ווערן גע'אסר'ט.

דאן איז "**התאחדות הרבנים**" ארויסגעקומען מיט א רוף, מ'זאל זיך צוריקהאלטן פון קויפן די "קענס" ביר פון "באַדווייזער" וועלכע קומען פון דער פלענט פון ס' לואיס, וואס אויף די קענס שטייט ארויפגעשריבן "SL" וואס מיינט ס' לואיס, צוליב דער חשש פון די נישט כשר'ע ביר, כאטש דאס איז נישט אזוי נוגע געווען פאר תושבי ניו יארק, וויבאלד דאס ווערט נישט דאהי פארקויפט.

למעשה איז מען נאכגעגאנגען מער דעטאלן, און ס'האט זיך ארויסגעשטעלט אז עס איז דא ששים קעגן די בליעות איסור, וואס מאכט פילפאכיג גרינגער דער שאלה.

צום שלוס איז וויכטיג צו וויסן, אז די סארט ביר וועלכע האבן פלעיווארס טאר מען אין קיין שום פאל נישט נוצן, חוץ אויב דאס האט א פארלעסליכער השגחה. די ביר פון די קלענערע קאמפאני'ס איז אויך נישט ראטזאם צו נוצן, וויבאלד זיי נוצן די זעלבע מאשינערי פאר די פלעיווארד און נישט פלעיווארד, נאר בלויז פון די גרויסע באקאנטע פירמע'ס וועלכע האבן נישט קיין פלעיווארד ביר קען מען נוצן אויך אן א השגחה, בזכות זה וואס מ'וועט נזהר זיין, זיך אפצוהיטן פון די חששות, זאלן מיר געבענטשט ווערן בכל ברכות האמורות בתורה, און האבן סייעתא דשמיא ניצל צו ווערן מכל מכשול.




**לאור דער שאלה וואס איז היי יאר באקאנט געווארן, איבער דער חשש פון די "ביר" וועלכע ווערן דיסטריוביוטעט דאהי אין ניו יארק, אז דאס געהערט פאר א פרייער איד וועלכע האט מיט דעם ליידער געהאנדלט אום פסח, און עס האט דער פראבלעם פון "חמץ שעבר עליו הפסח", וועלן מיר איבערגיין דעם גאנצען נושא אויף א קלארע אופן, און כאפן א בליק אויף די השתלשלות הדברים, אביסל בארירן דעם הלכה'דיגער טייל, וואס ווערט ברייטער אויסגעשמועסט ביים "דבר הלכה".**

## ביר דיסטריביושען אין ניו יארק סטעיט

ביר איז פון די מערסט פאפולערע משקאות, עס איז פאראן הונדערטער גרויסע פירמע'ס וועלכע מאכן ביר פון אלע סארטן, וואס רוב דערפון ווערן אויך פארקויפט דא אין ניו יארק, באלד צוויי הונדערט פון די פירמע'ס ווערן דיסטריבוטעט דורך דעם באקאנטן "**מאנהעטן ביר דיסטריביוטער'ס**", וועלכע האבן די אויסשליסליכע לייסענס צו פארקויפן די אלע ביר איבער ניו יארק סטעיט, וואס צווישן דעם ציילן זיך עטליכע פון די גאר גרויסע און פאפולערע קאמפאניס ווי "**הייניקן**", "**מיללער**", "**קאָרס**", און נאך.

אנדערש ווי ביי רוב דיסטריביושען פירמע'ס, וועלכע טוען בלויז האנדלען מיט די סחורה וואס זיי ברענגען פון די פירמע'ס און ליפערן דאס אפ צו די געשעפטן, איז אבער "מאנהעטן ביר", די בעלי בתים אויף די אלע ביר וואס זיי פארקויפן, דאס הייסט אז זיי קויפן דאס אפ פון די ביר קאמפאני'ס, און פארקויפן דאס פאר די געשעפטן דורכאויס ניו יארק סטעיט.

## דער שמועה אז דער בעה"ב איז א איד

היי יאר, עטליכע וואכן איידער פסח העעל"ט, איז אנגעקומען די ידיעה צו אלע כשרות ארגאניזאציעס אין ניו יארק, אז דער בעה"ב פון מאנהעטן ביר איז גאר א איד, וואס ביידע פון זיינע עלטערן זענען געווען כשר'ע אידן, קריג איבערלעבער פון רומעניע, ליידער נישט קיין שומר תומ"צ, וואס דאס ברענגט ארויף א גרויסער פראבלעם, אז דער איד פארקויפט דאך נישט זיין חמץ.

עס זענען דא אזעלכע וואס זאגן אז זיי האבן שוין געוואוסט דערפון פאר עטליכע יאר, אבער פאר די ארגאניזאציעס האט מען דאס נישט מודיע געווען. היי יאר איז געווען א משגיח אין איינס פון די חשוב'ע כשרות ארגאניזאציעס וואס האט פערזענלעך געליינט א געוויסער באריכט איבער דעם בעה"ב פון "מאנהעטן ביר", אז ער האט געגעבן א גרויסער נדבה פאר א געוויסער אידישער צוועק, וואס האט ביי אים אויפגעברענגט דער חשש אז ער איז א איד, און נאך א קורצע בירור האט זיך ארויסגעשטעלט אז ער איז ווירקליך א איד.

מ'האט דאס תיכף מודיע געווען פאר אלע כשרות ארגאניזאציעס דאהי אין ניו יארק, וואס צווישן דעם זענען געווען אזעלכע וועלכע האבן געזאגט אז דאס איז ביי זיי גאר נישט קיין חידוש און וויסן שוין פון דעם עטליכע יאר, און האבן שוין פרובירט צו

פועל'ן ביי דעם בעה"ב ער זאל גרייט זיין צו פארקויפן די ביר, אבער ער האט בשו"א נישט מסכים געווען.

דאן האט דער "עקאו" כשרות ארגאניזאציע, וועלכע האלטן צוזאמען כשרות ארגאניזאציעס אין אמעריקע, פאררופן א מיטונג מיט די כשרות ארגאניזציעס, מ'האט דן געווען איבער דער גרויסער פראבלעם, און וואס מ'קען טון דאס צו לעזן.

ס'איז אויפגעבערענגט געווארן דורך די וועלכע זענען נאכגעגאנגען די גענויע פרטים, אז ביי דער פירמע איז דער פראבלעם פילפאכיג גרעסער ווי די וועלכע האבן יא געוואוסט האבן געמיינט, וויבאלד דער איד קויפט גאר אפ די ביר און האנדלט מיט זיין אייגענע ביר, און ער איז דער איינציגער און אויסשליסליכער דיסטריביוטער אין ניו יארק, וואס דאס מיינט אז ס'איז נישט פאראן קיין אנדערע אויסוועג ביי די אלע פירמע'ס אויף וועלכע ער פארקויפט, דאס האט געברענגט ס'זאל גענומען ווערן באלדיגע שריט דערוועגן.

דארט האבן געוויסע אויפגעברענגט דער מהלך פון פרובירן צו איבערצייגן דער בעה"ב ער זאל איינגיין און מסכים זיין צו פארקויפן זיין פירמע, געוויסע האבן זיך גלייך גענומען אין די הענט אריין, און פרובירט אויף פארשידענע אופנים דאס צו קענען אויספירן. מ'האט ערוועגט אז די וועלכע האבן שוין פרובירט, האבן ממש געטאפט א וואנט, דער בעה"ב וועלכער איז א ריכטיגער פרייער איד, האט נישט געוואלט הערן פון גארנישט, און האט זיך געהאלטן זייער פאר'עקש'נט נישט צו פארקויפן זיין געשעפט.

במשך די וואכן נאך דער אסיפה, זענען די ארגאניזאציעס ווייטער געשטאנען אין פארבינדונג, און אלע האבן כסדר געהערט די פארשריט. ביז איין טאג האט איין משגיח פון איינע כשרות ארגאניזאציעס מודיע געווען אז ער האט קונצליך באוויזן צו איבערצייגן דעם בעה"ב ער זאל מסכים זיין צו פארקויפן די קאמפאני, טראץ וואס בעפאר איז ער געווען זייער פאר'עקשנ'ט און נישט מסכים געווען. יענער האט אים משכנע געווען אז ער קען דאס מאכן מיט א Power Of Attorney, מיט וואס ער האט איבערגעגעבן פאר דער מענדזשער פון די ביזנעס די בעלות אויף דער פירמע במשך די טעג פון פסח, כאטש וואס לעגאל איז דער שטר נישט גענוג אויף צו קענען געריכטליך תובע זיין אין קאורט, און דער מקח איז געשלאסן געווארן דורכ'ן זיך רייכן די הענט, און נישט דורך א חתימה אינעם שטר.

נאך וואס זיי האבן דורכגעפירט דער מקח, זענען אלע כשרות ארגאניזאציעס תיכף אינפארמירט געווארן דערוועגן, און מיר האבן ערהאלטן א קאפי פון דער שטר מכירה.

## רוב כשרות ארגאניזאציעס פארלאזן זיך נישט אויף די מכירה

למעשה האבן רוב פון די כשרות ארגאניזאציעס נישט געהאלטן אז דער מכירה העלפט זיך ארויסצודרייען פון דער פראבלעם, וויבאלד דער בעה"ב איז נישט גרייט צו אויפגעבן דאס ביזנעס במשך די ימי הפסח, נאר וויל ווייטער מיט דעם האנדלן, זייענדיג גאר ווייט פון שמירת תורה ומצוות, וואס לויט רוב פוסקים העלפט נישט די מכירה אין אזא פאל.

די רבנים הגאונים הצדיקים שליט"א חברי בית דין המיוחד לעניני כשרות פון **"התאחדות הרבנים"**, הגה"צ **אבד"ק מעזיבוש**, הגה"צ רבי **הלל וויינבערגער** שליט"א **אבד"ק סערדאהעלי**, הגה"צ **אבד"ק גאלאנטא** שליט"א, האבן דן געווען פאר א לענגערע צייט איבער דער פראבלעם, און מ'איז איבערגעגאנגען אלע פוסקים לכאן ולכאן, און ווי אויך די מציאת הדברים און די אופן המכירה, און ס'איז געבליבן אז מ'קען זיך גענצליך נישט פארלאזן מתיר צו זיין צו נוצן די ביר, עס האט א געהעריגע דין ווי חמץ שעבר עליו הפסח.

עס איז אינטערסאנט אנצומערקן אז די זעלבע איז שוין קלארגעשטעלט געווארן מיט א פאר יאר צוריק דורך הג"ר משה היינימאן שליט"א פון די סטאר קעי, ווען ס'איז אויפגעקומען דער שאלה אין באלטימאר, וואס דארט איז אויך געווען דער זעלבער שאלה, אז דער ביר דיסטריביוטער איז א פרייער איד, און ער איז גאר געווען גרייט צו



התאחדות הרבנים דארה"ב וקנדא
CENTRAL RABBINICAL CONGRESS OF THE U.S.A. AND CANADA

Kashrus Division | בי"ד המיוחד לעניני כשרות

חברי הבי"ד
הרה"ג ר' אברהם יהושע העשיל ביק שליט"א
הרה"ג ר' הלל ווינבערגער שליט"א
הרה"ג ר' יצחק אייזיק מנחם אייכענשטיין שליט"א

הרב יחזקאל יצחק סג"ל גליק
מנהל כללי וספרא דדינא

אסרו חג פסח, תשע"ח לפ"ק

# מודעה נחוצה!

## בנוגע - Beer - ביער נאך פסח

צוליב די פרישע אויפדעקונג אז דער אויסשליסליכער דיסטריביוטער פון רוב ביער אין ניו יארק און אומגעגנט איז א איד (ליידער נישט קיין שומתו"מ), זענען מיר מודיע אז **מען זאל נישט קויפן קיין ביער**, אפילו אין גוי'שע געשעפט'ן, ביז'ן יו"ט שבועות הבעל"ט.
(ביער וואס איז געווען ביי א איד א שומתו"מ און איז געווען פארקויפט כדת וכדין מעג מען קויפן).

די פאלגענדע ביער ווערן נישט דיסטריביוטעד דורך א איד און מען מעג דאס יא קויפן (פון א גוי'שע געשעפט, אדער ביי א איד וואס באקומט עס נאך פסח):

- Becks
- Budweiser
- Bud Light
- Carlsberg
- Stella Artois

נ.ב. פארשטענדליך אז מען דארף נזהר זיין אויך א גאנץ יאר נישט צו טרינקען קיין שום ביער מיט פלעיווארס ווייל דאס דארף א פארלעסליכע השגחה.

**מחלקת הכשרות**

בענין יהודי חפשי שאינו שומר פסח רח"ל ומכר חמצו לנכרי אמנם עושה סחורה בפסח עם החמץ שמכר, דאין המכירה כלום, עיי' שו"ת מהר"ם שיק (סי' ר"ה), ובשד"ח (חמץ ומצה סי' ט' אות ל"ה), ועיי' שו"ת דברי יואל (יו"ד, סי' צ"ו) דכן מורין כל בעלי הוראה.

The seal of uncompromising Kashrus
CRC
85 Division Avenue Brooklyn, NY 11211
Tel: 718.384.6765 | Fax: 718.486.5574

קאאפערירן הונדערט פראצענטיג מיט די רבנים, אנדערש ווי אין אונזער פאל וואס מ'האט קום באוויזן צו איבערציינגן דער בעה"ב אויף די מינומום מכירה, אבער אפי' אזוי האבן די רבנים קלארגעשטעלט אז אויב איז ער נישט גרייט צו פארמאכן דער ביזנעס אויף פסח, העלפט נישט דער מכירה.

דער בי"ד האט מחליט געווען נישט ארויסצוקומען מיט א מודעה אין יענע טעג איידער פסח, כדי נישט צו שטערן די פראצעדורן פון די מכירה, **מ'האט צוגעווארט ביז חול המועד, וואס דאן האט הגה"צ מסערדאהעלי שליט"א מעורר געווען דעם ציבור איבער דער חשש אין ביהמ"ד הגדול דקיט"ל סאטמאר אין וויליאמסבורג, און קלארגעשטעלט אז מ'טאר נישט נוצן די ביר פון די פירמע'ס וועלכע ווערן דיסטריביוטעט דורך "מאנהעטן ביר", וויבאלד דאס איז חמץ שעבר עליו הפסח.**

נאך יו"ט איז ארויסגעקומען א בריוו פונעם בי"ד מעורר צו זיין די ברייטע ציבור איבער דעם חשש, וואו מ'האט אויסגערעכנט די אלע ביר קאמפאני'ס וואס ווערן נישט דיסטריבוטעט דורך "מאנהעטן ביר", אז זיי קען מען יא נוצן, און איז פארשפרייט געווארן אין אלע חרד'ישע געגענטער צו האלטן דעם ציבור אינפארמירט איבער דעם ערנסטער פראבלעם. (זע בייגעלייגט די מודעה).

## דער הלכה'דיגער חשש אויף די מכירה

דער שאלה איבער א איד וואס פארקויפט זיין חמץ אבער האנדלט ווייטער דערמיט, איז נישט קיין נייער שאלה, נאך אין פילע פריערדיגע תשובה ספרים ווערט דאס דערמאנט, וואס רובם ככולם בלייבן אז אין דעם פאל העלפט נישט די מכירה, וויבאלד דער גאנצער מכירה איז ללעג ולקלס, און דאס ווייזט אז ער מיינט נישט ערנסט די מכירה, ממילא ווערט דער מכירה למפרע בטל.

**רביה"ק מסאטמאר זי"ע** האט אויך אזוי אנגענומען מיט א פשטות אז דאס איז דער אנגענומענער שיטה אין די פוסקים, ווי ער דרוקט זיך אויס אין א תשובה (שו"ת דברי יואל יו"ד, סימן צ"ו, אות ו') וז"ל: **כן מורין כל בעלי הוראות, ולא מצאתי חולק על זה.**

דער זעלבער פסק דין איז ארויסגעקומען פאר א קנאפע פופציג יאר צוריק אין שטאט בארא פארק, ווי **הגה"צ מסערדאהעלי** שליט"א שרייבט אין זיין בריוו וואס ער געדענקט נאך פון דעמאלט, וואו עס איז געווען א געשעפט מיט'ן נאמען **"וואלבאומס"** וואס די בעלי בתים זענען געווען אידן, אבער ליידער נישט קיין ערליכע, און נאך פסח האבן זיי ארויפגעהאנגען אויף זייער געשעפט א צעטל אז זיי האבן פארקויפט זייער חמץ ביי א געוויסער רב, אבער מ'האט זיי געזען פארקויפן חמץ אום פסח רח"ל.

דאן איז ארויס א קול קורא פון פילע רבנים און גדולי ישראל, בראשם **הגאון מדעברעצין** זצ"ל בעל באר משה, הגאון **רבי שמואל עהרנפעלד** זצ"ל ממאטערסדארף, און הגאון **רבי משה ביק** זצ"ל אבד"ק מעזיבוש, וועלכע האבן ארויסגעגעבן א פסק דין אז מ'טאר נישט קויפן ביי יענעם געשעפט, וויבאלד דאס איז חמץ שעבר עליו הפסח, טראץ וואס דער גאנצער געשעפט איז פארקויפט געווארן.

דאס איז אין צוגאב וואס ביי אונזער פאל איז דער מכירה דורכגעפירט אויף א שוואכער אופן, און דער שטר איז נישט אונטערגעשריבן געווארן דורך דער בעה"ב, נאר דער מכירה איז געשלאסן געווארן דורכ'ן זיך רייכן די הענט. און אפי' אויב דאס וואלט יא אונטערגעשריבן געווארן, האט דאס נישט געהאט קיין שום לעגאלע תוקף צו קענען דערמיט גיין אין קאורט, וואס דאס מאכט שוואך דער מכירה.



האבן די אויסשליסליכע לייסענס צו פארקויפן די אלע ביר איבער ניו יארק סטעיט

# דער בי"ד האט מחליט געווען נישט ארויסצוקומען מיט א מודעה אין יענע טעג איידער פסח, כדי נישט צו שטערן די פראצעדורן פון די מכירה

## דער איסור ביז שבועות

עס איז פאראן א גרויסער טעות ביי מענטשן אז דער איסור פון חמץ שעבר עליו הפסח האט עפעס צו טון מיטן יו"ט שבועות, אבער דאס איז נישט אזוי, נאר חמץ שעבר עליו הפסח איז אסור בהנאה פאר דער מענטש און פאר די גאנצע וועלט, פאר אייביג, עס איז קיינמאל נישטא קיין היתר דערויף, עס איז נישט א דבר התלוי בזמן, נאר געווענליך נאך פינף וואכן באקומט דער דיסטריבוטער פרישע סחורה פון ביר, ממילא האט מען געמאכט א גדר אז ביז שבועות, זיבן וואכן, איז שוין דא פרישע ביר פון נאך פסח, וואס איז געווען ביים גוי אום פסח, וואס די פראדוצירער פון די בירזענען דאך טאקע יא גוים, נאר דער דיסטריבוטער איז א איד.

עס איז צום האפן אז זאכן וועלן זיך אי"ה טוישן, עס וועט אראפקומען א רוח טהרה מן השמים, אז דער בעה"ב וועט גרייט זיין צו אפהיטן דער פסח כדת וכדין און זיך פארנעמען נישט צו האנדלען מיט די ביר אום פסח, נאר די ביזנעס זאל בלייבן פארמאכט, דאן וועט דער מכירה העלפן אויף די ביר וואס מ'פארקויפט כדת וכדין, און דער זכות פון זהירות בכשרות פון טויזנטער אידן וועלכע האלטן זיך צוריק פון דאס נוצן, וועט זיכער עושה רושם זיין בשמי מרומים, און וועט שטיין לזכות פון עמך ישראל העושים רצוניך להתברך בכל מילי דמיטב.

## דבר המערכת

>>> המשך מעמוד א'

איבערצוגייין די אלע הלכה'דיגע שאלות וואס ס'איז נוגע פאר דער שאלה פון די ביר, מיט א ברייטע ארייגבליק אין די פוסקים, וועלכע רעדן פון דעם שאלה, דער מסקנא פון די גדולי הפוסקים שעליהם אנו נשענים. באזונדער איז פאראן א מאמר אויף דער אידישער שפראך, מיט א כראנאלאגישן איבערבליק אויף די השתלשלות הדברים, וויאזוי דאס האט זיך אנטוויקלט, פון ווען מ'איז ברוב סייעתא דשמיא געוואויר געווארן איבער דער מכשול, די פאראהאנדלונגען מיט די בעלי בתים און כשרות ארגאניזאציעס, און די מודעה פון דער "בי"ד המיוחד לעניני כשרות" אז ביז יו"ט שבועות זאל מען נישט נוצן פון די ביר, וועלכע ווערן דיסטריביוטעט דורך דער פירמע.

גלייכצייטיג האבן מיר געווידמעט א גאנצן מאמר, וועגן די נושא פון "ביר" בכלליות, וויאזוי דאס ווערט פראדוצירט, און פארוואס די אלגעמיינע ביר, ברויך נישט האבן קיין השגחה. אין א באזונדערע שמועס איבער די ביר וועלכע האבן פלעיווער'ס, וואס דאס טאר מען נישט נוצן אן קיין השגחה.

...

לרגל די די זומער טעג המשמשים ובאים, א צייט ווען עס קומט אונטער פילע פרישע שאלות בעניני כשרות, האבן מיר צוזאמגענומען פילע הלכות און פראקטישע אנווייזונגען אויף א מסודר'דיגן אופן, מיט גענויע הוראות והדרכה פאר די וועלכע פארן אויף די וועגן, און שטעלן זיך אפ ביי די גוי'אישע געשעפטן צו קויפן קאווע וכדו', אדער פאר די וועלכע שטייען איין אין גוי'אישע האטעלן, און עס קומט אונטער פארשידענע שאלות איבער נוצן די כלים פון די האטעל, וכו'.

אזוי אויך האבן מיר געברענגט א סעריע פון הדרכות און הוראות פאר די וועלכע פליען מיט א פליגער, וואו עס מאכט זיך פארשידענע שאלות אין כשרות וכדו', וואס דאס איז ווירקליך נוגע אויך דורכאויס דעם יאר פאר טויזנטער אידן, וועלכע פאָרן צו די מרחקים פאר ביזנעס, וואקאציע, אדער קברי צדיקים וכדו'.

...

**דער גרויסער זכות פון זהירות בכשרות וועט געוויס באגלייטן אידישע קינדער אומעטום, מען זאל האבן א ליכטיגע יום טוב און מקבל זיין די תורה כראוי וכיאות מיט א נפש טהורה, און א געזונטער פארזיכערטן זומער מיט הרחבת הדעת והנפש, ושמור צאתינו ובואינו לחיים ולשלום.**



# הלכה למעשה

**קורצע שאלות און תשובות, הלכה למעשה, בנוגע די ביר, צו וויסן את המעשה אשר יעשון.**

## וועלכע פירמע'ס זענען בכלל נישט אין דעם חשש?

די "ביר" פון די פירמע'ס "**באָדווייזער**", "**באָד לייט**", "**בעקס**", "**קארלסבערג**", און "**סטעלע ארטואיס**" האבן נישט קיין חשש חמץ שעבר עליו הפסח, און מען קען דאס איבעראל קויפן.




Stella Artois | Carlsberg | Becks | Bud Light | Budweiser

## איז דער שאלה נוגע בלויז פאר תושבי ניו יארק סיטי, אדער אויך אין אפסטעיט?

דער חשש איז נוגע פאר אלע תושבים פון רוב ניו יארק סטעיט, און נישט בלויז פאר ניו יארק סיטי, דאס רעכנט אריין אלע היימישע געגענטער אין ניו יארק ווי מאנסי, קרית יואל, די קעטסקילס און אזוי ווייטער, וויבאלד אין רוב געגענטער פון ניו יארק סטעיט, איז "מאנהעטן ביר" דער אויסשליסליכער דיסטריביוטער אויף די ביר פון די קאמפאניס, און אנדערע פירמע'ס האבן נישט קיין רעכט דאס צו פארקויפן.

## וואס טוט זיך מיט די תושבים פון די אנדערע אמעריקאנער שטאטן, ווי ניו דזשערסי, קאליפארניע, אא"וו?

אין די אנדערע שטעט אין אמעריקע, אינדרויסן פון ניו יארק סטעיט, איז נישט באקאנט ס'זאל זיין סיי וואספארא חשש אויף די "ביר", מ'קען דאס קויפן און טרינקן. אין באלטימאר איז יא פאראן א חשש אויף אסאך ביר פירמע'ס, און לפי די הוראה פון די דארטיגע רבנים, טאר מען פון דעם נישט קויפן, (טראץ דעם וואס דער בעה"ב פונעם פירמע איז גרייט געווען צו פארקויפן, וויבאלד ער איז נישט גרייט געווען צו האלטן די געשעפט פארמאכט דורכאויס פסח.)

## אויב זאגט א געשעפט, אז זיי האבן געקויפט די "ביר" פון אנדערע דיסטריביוטער'ס, נישט פון "מאנהעטן ביר", קען מען זיך אויף דעם פארלאזן?

אין די געגענטער אין ניו יארק סטעיט וואו "מאנהעטן ביר" האט די אויסשליסליכע בעלות, קען מען זיך אויף דעם נישט פארלאזן, ווייל דאס מיינט אז יענער דיסטריביוטער וואס האט דאס פארקויפט פארן געשעפט, האט דאס געקויפט ביי "מאנהעטן ביר", וויבאלד לעגאל טאר נישט קיין שום אנדערע פירמע פארקויפן "ביר" אין די געגענטער.

## איז דער איסור אויף די ביר בלויז ביז שבועות?

לויט די הוראה פונעם "בי"ד המיוחד לעניני כשרות" זאל מען זיך צוריקהאלטן פון קויפן די ביר ביז שבועות, וויבאלד דער דיסטריביוטער באקומט די פרישע שיפמענט'ס פון די פירמע'ס איינמאל אין פינף וואכן, און שבועות צייט קען מען זיך פארלאזן אז די ביר וואס ווערט פארקויפט איז שוין פון די נייע ביר, וואס איז געליגן ביי די גוי'אישע פירמע'ס במשך ימי הפסח. (ווי דער משנ"ב אין סי' תמ"ט סק"ה פסק'נט, אז אזא סארט ספק חמץ שעבר עליו הפסח יש מקום להקל).

## איז פאראן א אופן מ'זאל מעגן קויפן ביר נאך איידער שבועות?

עס איז פאראן עטליכע פירמע'ס וואס מ'קען וויסן אויף זיכער אז דאס איז פון נאך פסח, אין דעם פאל קען מען דאס שוין קויפן נאך פאר שבועות. דער מהלך וויאזוי צו וויסן, איז דורך די אפלויף דאטום, וואס געוויסע פירמע'ס שרייבן אויף די באָטלעך, אדער קענס.

יעדער פירמע האט אנדערע סטאנדארטן, וויאזוי זיי באשטימען די אָפלויף דאטומ'ס פון זייערע ביר, צוליב דעם קען מען נישט שרייבן קיין כלל אויף דאטומ'ס ביי אלע פירמע'ס, אז מ'זאל זיך קענען אויף דעם פארלאזן.

## איז דא פירמע'ס וואס מ'ווייסט אז עס איז געמאכט נאך פסח?

די פירמע'ס וואס דער בי"ד האט מברר געווען, איז ווי פאלגנד: **"מיללער"** **"קארס"** **"בלו מון"** **"סאמיועל עדעמס"**



סעפטעמבער 9
און ווייטער
Sep '18

Samuel Adams



אקטאבער 9
און ווייטער
Oct 9 '18

Blue Moon



אויגוסט 9
און ווייטער
Aug 9 '18

Coors



אויגוסט 9
און ווייטער
Aug 9 '18

Miller

אויף די אלע אויבן איז די עקספּערעישן פון דער אויבן דערמאנטע'ר דאטום און ווייטער איז דאס פון נאך פסח.

# דבר הלכה

## במומר שמכר חמצו לנכרי, אבל עושה מקח וממכר עם החמץ בפסח רח"ל, אם המכירה מועיל להינצל מאיסור חמץ שעבר עליו הפסח

**גופא דעובדא הכי הוה, המפעל 'מאנהעטע"ן ביע"ר', הוא הדיסטריביוטער היחידי של הרבה מיני שכר בעיר נוא יארק רבתי, ובעל המפעל הוא יהודי שאינו שומר תורה ומצוות רח"ל. ועתה לפני ימי הפסח נודע שזה הרבה שנים שבעוונותינו הרבים יצא מכשול מתחת ידו לאחינו בני ישראל, מאחר שלא מכר חמצו לנכרי, וכל מה שמוכר ממפעלו הוא חמץ שעבר עליו הפסח ברשותו של ישראל.**

**אמנם בשנה זו, הסכים בעל המפעל למכור את כל בית מפעלו לנכרי (מפועליו). אולם, במשך ימי החג המשיך בעל המפעל שם במקח ובממכר עם החמץ, כהרגילו כל ימי השנה.**

## על זה יצא הוראה ברורה מאת "בי"ד המיוחד לעניני כשרות"

**אין לסמוך על מכירה כזו, כי במה שנושא ונותן עם החמץ במשך ימי הפסח מבטל המכירה שעשה, ונמצא כי השכר הוא חמץ שעבר עליו הפסח ברשותו של ישראל, ולכן אין לקנות שכר ממה שנמכר והופץ על ידו.**

**דבר המערכת:** לאור הפולמוס הגדול הנעשה בעולם התורה בענין השכר, ערכנו מאמר מיוחד לבאר וללבן הלכה זו:

• חמץ שעבר עליו הפסח

**בשלחן ערוך** (אורח חיים, סימן תמח, סעיף ג): **חמץ של ישראל שעבר עליו הפסח אסור בהנאה... ואם מכרו או נתנו לנכרי שמחוץ לבית קודם הפסח... מותר.** כלומר, דחמץ שעבר עליו הפסח ברשותו של ישראל, אסור בהנאה. והחמירו חכמינו ז"ל מאוד באיסור זה, ואסרו החמץ לו ולאחרים עד עולם. ועיין בשערי תשובה (ס"ק טו) דאפילו אחרים שלא ידוע להם דהוא חמץ שעבר עליו הפסח, חיובא רמיא להודיע להם. אכן, באופן שישראל עושה מכירה לנכרי כדת וכדין, אזי אין זה חמצו של ישראל, ואינו בגדר חמץ שעבר עליו הפסח.

והנה הדיון בעובדא דידן הוא, אם יש למכירה זו תוקף מצד הדין וההלכה, כיון שהיהודי המוכר נושא ונותן עם החמץ שמכר כרגיל. ומקור הראשון בשאלה כעין זה מצאנו בפוסקים כשחל ערב פסח בשבת, וכמו שנבאר.

• כשחל ערב פסח בשבת, עושין שריפת חמץ בערב שבת בבוקר

כשחל ערב פסח בשבת נפסק **בשלחן ערוך** (אורח חיים, סימן תמד, סעיף ב): **טוב לבער בערב שבת קודם חצות, כדי שלא יבואו לטעות בשאר שנים לבער אחר חצות.** כלומר, דהגם שסוף זמן אכילת וביעור חמץ הוא בבוקרו של יום השבת, הוצרכו מצד הדין לזרז לשרוף החמץ בערב שבת בבוקר - באותו זמן של שאר שנים, כדי שבשנה הבאה - כשערב פסח חל ביום חול - לא יטעו לומר אשתקד שרפנו החמץ אחר צהרים, וישהו את חמצם ברשותם אחר זמן ביעור חמץ.

• נסתפקו הפוסקים מתי צריכין למכור החמץ כשחל ערב פסח בשבת

והנה לגבי זמן מכירת חמץ באותו שנה שחל ערב פסח בשבת, נסתפקו **הפוסקים** אם זה דומה לדין שריפת חמץ ונכלל בדברי **המחבר** אשר טוב לעשותו בערב שבת בבוקר, או שיש לחלק בין

שריפת חמץ למכירת חמץ, ואינו צריך לזרז את עצמו קודם חצות למכור את חמצו לנכרי. ונתנו טעמם לשבח בכמה אנפין, לחלק בין שריפת חמץ למכירת חמץ, דבהא לא שייך לומר 'יבואו לטעות בשאר שנים'.

• רצו למנוע המכירה בבוקר, כדי שלא יעשה מקח וממכר אחר המכירה

והנה אחד מהסיבות העיקריית בדברי ה**פוסקים** שלא לעשות המכירה בערב שבת בבוקר (בזמן שריפת חמץ), שהרי כיון שהיה אז בימיהם הרבה יהודים שעשו פרנסתם ממלאכת השענקי"ר (מכירת משקה, יין ושכר וכיוצא), וגם בשנה כזו שחל ערב פסח בשבת יגיעו אנשים לקנות משקה ושכר לצורך השתייה לסעודות שבת קודש לילה ויום (עד סוף זמן אכילת חמץ). ועל זה חששו ה**פוסקים**, שאם יעשו המכירת חמץ בערב שבת בבוקר, עוד יחזור היהודי-הבעל הבית הקדום בהשענקי"ר למכור כדרכו לאחר חלות המכירה, ונמצא שעושה מקח וממכר באותו חמץ שכבר חלה המכירה עליהם, וניכרת הערמה על המכירה שעשה. לכן, רצו ה**פוסקים** למנוע המכירת חמץ בערב שבת בבוקר, ומוטב שיחול הקנין עם הנכרי מאוחר יותר (בערב שבת אחר צהרים, או בערב פסח בבוקר, מר כדאית ליה ומר כדאית ליה), כדי שהיהודי לא יעשה עוד מקח וממכר אחר המכירה.

כלל גדול למדין מזה, שתנאי גדול במכירת חנות-שענקי"ר של חמץ לנכרי הוא, שאחר המכירה לא יחזור בעל המפעל הקדום על מעמדו הראשון, ולעשות כשחוק מהמכירה שנעשה על ידו.

• במקח וממכר, מגלה דעתו דלא היה המכירה בלב שלם ו'מכירתו בטילה'

ובעמדינו בזה, היה עדיין מקום לחלוק ולומר, דרק לכתחלה חששו ה**פוסקים** למנוע מכירה כזו, אבל באופן אם כבר נעשה המכירה, ורק אחר כך חזר הבעל הבית על מעמדו כמו קודם המכירה, אין המכירה בטילה (וזהו טענת המתירים בנידון דידן). אבל אין הדבר כן, וכמבואר בפירוש בדברי **גדולי הפוסקים** דאם המשיך המוכר-הבעל הבית הקדום במפעלו כמקדם, בהמעשה שעושה בדבר הנמכר מבטל בידים המכירה שעשה, דהוה הערמה ניכרת, ובזה איגלאי מילתא שלא היה כאן גמירת דעת המוכר, ולכן מכירתו בטילה.

ראשון למקראי קודש הוא מרא דשמעתתא הדין בשו"ת **מהר"ם שיק** (חלק אורח חיים, סימן רה), וז"ל: **כיון שכבר מכר, איך רשאי... והרי בזה הוא מבטל המכירה** עכ"ל. וכן מבואר גם בשו"ת **שואל ומשיב** (מהדורא שתיתאי, סימן ג), וז"ל: **נשאלתי בשנה זו שנת תרי"ב שיהיה ברצות ה' לחיים ולשלום שבת ערב פסח, האיך לעשות ביין שרף שמוכרין השענקירס, והרי יצטרכו למכור ערב שבת... אם יוצא בעל הבית למכור, יבטל המכירה**, עד כאן לשונו המכריע בלי צל של ספק, דאם כבר עשה כן, אזי מכירתו בטילה. והרבה אחרונים לדורותיהם היה דברי **מהר"ם שיק** נר לרגלם, לדוגמא עיין שו"ת **מנחת אלעזר** (חלק שלישי, סימן כו), שו"ת **ערוגת הבשם** (חלק אורח חיים, סימן קג), ואידך זיל גמור. וכן כתב ה**שדי חמד** (אסיפת דינים, מערכת חמץ ומצה, סימן ט, אות לה, ואות לט), וז"ל: **אם נמכור להנכרי מקודם חצות, והם יסחרו בהם אחר המכירה, אם כן תהיה המכירה שמכרנו להנכרי בטלה, שאם המכירה היתה קיימת הרי ידיו מסולקות מכל החמץ, והוא של הנכרי הקונה, ואיך ימכור דבר שאינו שלו, אלא ודאי מעשיו יוכיחו שמבטל המכירה ח"ו.**

• קל וחומר דבמקח וממכר ביומי דפסחא, ד'מכירתו בטילה'

ולהבנת הדברים, להשיג חומר הענין של עובדא דידן, ה**מהר"ם שיק** וה**שואל ומשיב** וכל הנזכרים לעיל אמרו כן אפילו ביהודי שומר תורה ומצות, שעושה המכירה בלב שלם, וסוגר החנות\שענקי"ר\בית מפעל למשך כל ימי הפסח, ורק בערב שבת - בזמן היתר אכילת חמץ - הוא רוצה לעשות שם מקח וממכר, וגם על זה כתבו ש'מכירתו בטילה'. קל וחומר בן בנו של קל וחומר אם לבו ריק מתורה ומצות, והחנות\שענקי"ר\בית מפעל הוא פתוח לכל ימי החג, ועושה שם סחורה בריש גלי, בוודאי ש'מכירתו בטילה'.

• בציור דומה לעובדא דידן, כותב השדי חמד דמכירתו בטילה

ולקרב הדבר לעובדא דידן, כשעושה מקח וממכר במשך ימי הפסח עם החנות\שענקי"ר\בית מפעל שנמכר, מצינו שהאריך ב**שדי חמד** (שם, אות א) כדרכו, והביא עובדא שכתב לו רב אחד, שהיה שענקי"ר בעירו שהבעל הבית לא היה שומר תורה ומצות, ואותו רב אחד צוה להגיד להבעל הבית שאם לא יחתום שמרשה אותו למכור את השענקי"ר לנכרי, אזי יהיה צריך לפרסם אחר הפסח שאסור לקנות ממנו, שהרי הוא חמץ שעבר עליו הפסח ברשותו של ישראל. ולכן חתם על ההרשאה, והרב מכר את השענקי"ר, והתיר את חמצו לאחר הפסח. ועל זה כתב לו ה**שדי חמד**, שאם המשיך הבעל הבית לעשות מקח וממכר בהשענקי"ר, אזי מה הועילו חכמים בתקנתם במכירתם, הלא בזה שעשה אחר כך מקח וממכר כעושה בתוך שלו, הרי הוא מבטל ההרשאה שחתם להרב, ואסור לקנות באותו שענקי"ר משום חמץ שעבר עליו הפסח, ומסיים בלישניה: **עלץ לבי בראותי דברי הגאון מוהר"ם שיק... שכתב מפורש דהעושה סחורה בחמץ שמכר... מכירתו בטלה, ואם כן הרי זה חמץ של ישראל שעבר עליו הפסח.**

• שיטת רביה"ק מסאטמאר זי"ע, דמכירתו בטילה

וכן פסקו בפשיטות כל גדולי ההוראה, וכמו שכתב **איתן אדונינו מרן רביה"ק זי"ע** בשו"ת **דברי יואל** (חלק יורה דעה, סימן צו, אות ו) וזה לשונו: **אם אירע שהמוכר את החמץ מכר ממנו ונשא ונתן עם החמץ אחר חלות זמן המכירה, אסרו הגדולים את החמץ לאחר הפסח, דכיון שעשה מסחר עמו איזה זמן אחר חלות זמן המכירה, נראה דהוי שלו ואין המכירה כלום דהוי הערמה ניכרת... וכן מורין כל בעלי הוראות, ולא מצאתי חולק על זה.**

• גניבה וגזילה אין כאן, 'מכירתו בטילה' יש כאן

ואם תתווכח על זה, ממה שנפסק ב**שלחן ערוך** (חושן משפט, סימן קפט, סעיף א), וז"ל: **אחר שנגמר המקח כל אחד לפי קניינו, אין שום אחד מהם יכול לחזור בו**, אם כן היאך יכולין לומר שמבטלין המכירה שעשה עם הנכרי, הלא אפילו אם היהודי יאמר בפירוש שרוצה לבטל המכירה אין הרשות בידו, כל שכן בעובדא דידן שאינו אומר כן, רק דנין זה לפי מעשיו ואומרים שאיגלאי מילתא.

הרי הדברים מבוארים היטב בשו"ת **פרי השדה** (חלק שלישי, סימן קכה), דדברי ה**מחבר** קאי בשני אנשים שעשו קנין גמור, והיה כאן גמירת דעת המוכר ודעת הקונה, ועל זה פסק ה**מחבר** דאין אחד מהם יכול לחזור, מה שאין כן במכירת חמץ דאין דעתו של הגוי לקנותו באמת (ולכן מתרעם ה**מחצית השקל** (סימן תמח, ס"ק ד) על מכירת חמץ שלנו),

ועיקרו של דבר במכירת חמץ הוא משום שיש דעת המוכר שרוצה להוציאו מרשותו באמת (כמו שמבואר ב**שו"ת חתם סופר** (חלק יורה דעה, סימן שי)), ואם כן, אם איגלאי מילתא שגם דעת המוכר לא היה כאן, אנו חוששין על כל המכירה כולו, שהרי לא היה כאן לא דעת הקונה ולא דעת המקנה, ולכן 'מכירתו בטילה', שמעולם לא חלה המכירה.

• ראיה ברורה ש'מכירתו בטילה'

וב**שלחן הלוי** (פרק יב, אות יח) מביא ראיה ברורה לזה, מהא דנפסק ב**שולחן ערוך** (חושן משפט, סימן צט, סעיף ז), וז"ל: **הכותב כל נכסיו לאחר, ואחר כך לוה מאחרים, ובבוא המלוה לגבות חובו, מצוה להוציא שטר מתנה שקדם לשטר החוב, והכל רואים שאע"פ שכתב כל נכסיו לאחרים הוא מחזיק בהם ונושא ונותן בהם ומעולם לא יצאו מרשותו, ולא נתכוין אלא להבריח מבעל חוב שלא ימצאו ממה לגבות ויאכל ממון אחרים, המתנה בטלה, וגובה בעל חוב ממנה אע"פ שקדמה להלואה.** הרי לן מפורש יוצא מדברי המחבר כלל גדול, שאם לא שינה מצב דבר הנמכר, וממשיך לישא וליתן עמו בדיוק כמו שעשה אתמול, בזה איגלאי מילתא שהוא מבטל המכירה.

• כן הוא דעת הפוסקים בזמנינו

וכן הוא דעת כל הפוסקים בזמנינו, עיין ב**תשובות והנהגות** (חלק א, סימן רפח) שנקט כן למעשה לאסור בדיעבד מכירה כזאת, וכן ידוע פסקו של **בעל שבט הלוי ז"ל** בעובדא כגון דא. וכן כתב **הגאון הגדול אבד"ק סערדאהעלי שליט"א חבר בית דין המיוחד לעניני כשרות**, שדכירנא ליה מלפני כחמשים שנה היה בבארא פארק חנות גדול בשם וואלבאום"ס, והבעל הבית היה יהודי שלא היה שומר תורה ומצוות רח"ל, ואחר הפסח דבק פיתקא על הדלת שמכר חמצו אצל רב אחד (שהיה מתלמידיו של הגאון בעל **אגרות משה** ז"ל, ועשה המכירה על פי הוראתו), אבל כיון שהחנות היה פתוח ביומי דפסחא, יצא אז ההוראה מגדולי רבני העיר בארא פארק (ה"ה, הרבנים הגאונים הצדיקים רבי **משה צבי אריה ביק** ז"ל אבדק"ק **מעזיבוזש**, רבי **שמואל עהרענפעלד** ז"ל אבדק"ק **מאטערסדארף**, ורבי **משה שטערן** ז"ל אבדק"ק **דעברעצין**, וגם אביו רבי **יחיאל וויינבערגער** ז"ל אבדק"ק **סערדאהעלי**, ועוד) לאסור חמצו משום חמץ שעבר עליו הפסח.

• דֹּרֵשׁ טוֹב לְעַמּוֹ (אסתר י, ג)

[במאמר המוסגר: אפילו אם תימצי לומר שנסמוך על שיטה יחידאה שמתיר כשעושה מקח וממכר אחר כך, אבל בעובדא דידן גוף המכירה לא נעשית כהלכות גוברין יהודאין באופן המועיל כדת של תורה. א) הבעל הבית מסר יפוי כח בעל פה ולא רצה לחתום על השטר - כדי שלא יוכלו לתובעו בערכאות, ב) לא נעשית המכירה והשטר גופא, באופן המועיל בדינא דמלכותא, ג) לא נעשה רק מכירה לזמן, ד) האחריות על המפעל והמסתעף נשאר על שמו של הבעל הבית אפילו אחר המכירה. אבל אין כל זה הדיון והמשא ומתן שלנו במה שנוגע לדברי הפוסקים הנ"ל, כי בזה לבד שהוא עושה מקח וממכר עם הסחורה הנמכר, בזה לבדו הוא מבטל המכירה כמו שנתבאר].

בהא נחתינן ובהא סלקינן, כי הגם שדבר טוב עשה בעמו, שהצליח לשכנע המומר לעשות מכירה - אפילו לשיטה יחידאה (כדי להציל בזה יהודים שבין כך ובין כך שותים השכר), **אבל אנו אין לנו אלא אלא דברי גדולי הפוסקים, שמפיהם אנו חיים, שאין לסמוך על מכירה זו.**

היות שמאז שנתפרסם הוראת הבי"ד, נתהווה פולמוס גדול בעולם התורה, וכמה פלפולים ושמועות מתאמרי בבי מדרשא, נתבקשנו מאת גדולי ההוראה להבהיר הנקודות דלהלן, ונבארם אחת לאחת על קצה המזלג, ודי בזה למבין.

• דברי הרה"ק מצאנז זי"ע

מצאנו שיש שרוצים להשוות דברי **הרה"ק מצאנז זי"ע** (שו"ת דברי חיים, חלק אורח חיים, סימן מ) לעובדא דידן, ולהתיר המכירה גם כבגון דא, אבל המעיין בפנים בדבריו הקדושים יראה שאין הנידון דומה לראיה.

וכדאי להבהיר הדברים נקדים, כי מצאנו מחלוקת בדברי ה**פוסקים** מהו דינו של מומר המוכר חמצו לנכרי, כשהוא בעצמו אינו שומר תורה ומצוות, ואוכל חמץ בפסח. דיש מן ה**פוסקים** הסוברים דכיון שהוא עצמו אינו נזהר באיסור בל יראה, על כן אמרינן שאינו מוכר אלא לפנים, ומכירתו אינו מכירה. ולעומתם הרבה **פוסקים** נקטו להלכה, דאפילו הכי הוי מכירתו מכירה. ובנקודה זו דן **הרה"ק מצאנז זי"ע** ובשו"ת **תשורת ש"י** (אורח חיים, סימן מ), דדברים שבלב אינן דברים, ומכירתו מכירה.

אבל בנידון דידן, עיקר הדיון הוא כיון שהמומר נושא ונותן עם החמץ הנמכר, וממשיך לעשות פרקמטיא עם החמץ במשך ימי הפסח, ועל זה הסכימו ה**פוסקים** דבמעשיו מוכיח לעין כל שהוא מבטל המכירה ובעיניו כלא היתה. ובציור כזה, גם **הרה"ק מצאנז זי"ע** ו**התשורת ש"י** יודו דמכירתו בטילה, וכמו שכתב **רביה"ק** על זה (כבר העתקנוהו לעיל) **ולא מצאתי חולק על זה!**

• אין נפקא מינה אם מכר כל הבינזע"ס או מכר רק החמץ

יש הרוצים לחלק ולומר, דאין ציור דידן דומה למה שכתוב ב**מהר"ם שיק**, שהרי הבעל הבית מכר כל הביזנע"ס, משא"כ אצל העובדא של **המהר"ם שיק** מכר רק החמץ.

דבר זה לא ניתן להיאמר, ולא מצאנו אף אחד מהפוסקים שיעשו חילוק בזה, והדברים פשוטים וברורים כשמלה. כי איזה נפקותא יש אצל שמעתתא ד'מכירתו בטילה', אם מכרו ה'חמץ של הביזנע"ס', או מכרו כל ה'ביזנעס'? הלא נקודת החידוש של **המהר"ם שיק** - וכל גדולי הפוסקים עמו - הוא, שאם אחר המכירה עשה מקח וממכר

עם הדבר הנמכר, הרי בזה גילה דעתו שלא היה לבו שלם בשעת המכירה ומכירתו בטילה, ואיזה נפקותא אם מכר החמץ לבדו, או מכר 'כל' הביזנע"ס, בין כך ובין כך החמץ הוא חלק מהמכירה, ובזה שעושה אחר כך מקח וממכר עם החמץ, הרי בזה איגלאי מילתא שלא רצה למוכרו, ולכן מכירתו בטילה.

ויותר מזה, הרי יש צד לומר שבזה מגרע כוחו של המכירה, ונעתיק לשונו של **הגאון הרב בעלסקי ז"ל** (במכתבו להרב צבי רייזמאן, מח"ס רץ כצבי): 'בעניין **מכירת מוצרי חמץ**, מוצרים אלו הינם בר מכירה בחנות, והחנות מעוניינת למכור אותם, נוסף לכך, בשל איסור חמץ של תורה, יש אנן סהדי בפנינו שהוא מעוניין במכירת החמץ בלב שלם, מפני שהוא מבין את האיסור, או מפני שהוא מודע לכך שהמוצרים ייאסרו לאחר הפסח והלקוחות לא ירצו לקנותם, ולכן הוא מסכים בשמחה למכירה, בתנאי שהקונים אכן משלמים את המחיר בהתאם, כולם מרוצים לקיים את צדם בההסכם. זאת בניגוד **למכירת העסק כולו**, כי בנוגע לעסק כולו, הרי שהבעלים אינו מעוניין במכירת העסק, ולכן בוודאי שאין כאן גמירת דעת, ובהחלט שאין 'אנן סהדי' התומך במכירה כזו, כי אילו הקונה היה מגיע עם כספו בידו לקנות את העסק, הבעלים היה נלחם נגדו על כך, ולכן אנו רואים שמלכתחילה לא הייתה לו שום כוונה למכור באמת.'

- שיטת האגרות משה, והחלקת יעקב

הרבה מציינים להתיר מכירה כזו, על פי יסודו של **הגאון רבי משה פיינשטיין ז"ל**, שכתב (שו"ת אגרות משה, אורח חיים, חלק ראשון, סימן קמט. חלק שני, סימן צא) דבזה שהמוכר נושא ונותן עם החמץ אינו מבטל המכירה, רק הוא גונב מן הנכרי, דלא כמו שכתבו **גדולי הפוסקים** כמו שהבאנו לעיל. ומן הראוי להעיר שתי נקודות על זה, ותרי תמיהות מידכרי אינשי.

**א)** שמענו מהרב שלום טענדלער שליט"א נכד של **הגאון רבי משה ז"ל**, שמעיד בשם בני **הגאון רבי משה ז"ל** (ובמיוחד בשם אביו שהיה עורך דין לשטרות ועסק הרבה בסידור שטרות למכירת חמץ) שידוע להם שלא הזדקק להתיר מכירה כזו, רק במצב של דיעבד דייקא, אבל לסדר מכירה כזו לכתחלה, ולהתיר על ידי זה לקנות ממנו, בפירוש לא היה דעתו כן. והא לך לשונו מה שכתב שם **העיקר שצריך להזדקק לזה הוא להציל אחרים שיקנו ממנו מאיסור חמץ שעבר עליו הפסח מרוב הדברים שיקנו ממנו, אבל אין ליתן לו כתב איך שמכר החמץ**.

וראוי לציין, כי גם ה**חלקת יעקב** (אורח חיים, סימן קצד) שמתיר, המעיין בדבריו יראה שכתב ללמד זכות במצב של דיעבד שלא היה ברירה אחרת, משא"כ בעובדא דידן, שאין שום שעת הדחק, ויש די שכר שאין בהם חשש, עדיין לא התיר לנו מכירה זו.

**ב)** הנה **הרב בעלסקי ז"ל** (שולחן הלוי, פרק יב, אות יח - אות יט) פסק לאסור מכירה הנעשה כגון דא, וכשנשאל על כך שהרי רבו ה**אגרות משה** מתיר בזה, האריך להסביר (כמו שכבר העתקנו לשונו לעיל) שבעובדא דנן גם ה**אגרות משה** לא היה מתיר, כי ההיתר של האגרות משה הוא רק בציור שהוא מוכר החמץ שבחנות, אז אמרינן שאפילו אם נושא ונותן עם החמץ, הוה רק כגזל מהנכרי ואינו מבטל המכירה בזה, משא"כ אם כל המפעל הוא מפעל של חמץ ומוכר כל המפעל, בזה גם ה**אגרות משה** יודה דמכירתו בטילה.

# כשרות בולעטין

אזוי ווי אין די לעצטע צייט איז פארשפרייט קלעמענטיינ'ס פון אר"י, מקען חלילה נכשל ווערן בלא יודעין מיט איסורי ערלה וטבל, האט דער בי"ד ארויסגעגעבן אין מפרסם געווען א מודעה פאר'ן ציבור.



התאחדות הרבנים דארה"ב וקנדא

CENTRAL RABBINICAL CONGRESS OF THE U.S.A. AND CANADA

בי"ד המיוחד לעניני כשרות | Kashrus Division

אייר תשע"ח לפ"ק

**מודעה נחוצה**

עס איז לעצטנס פארשפרייט אין די געשעפטן פון ארץ ישראל:

קלעמענטיינ'ס (טענדזשערינ'ס)

**Clementine's**

**מען דארף זייער נזהר זיין ווייל זיי זענען באיסור "טבל"!**

מען דארף באקוקן אויב עס שטייט נישט דערויף (Product of Israel).

ולמזהיר ולנזהר שלומים תן כמי נהר

מחלקת הכשרות

The seal of uncompromising Kashrus

85 Division Avenue Brooklyn, NY 11211 | Tel: 718.384.6765 | Fax: 718.486.5574



# מה נאוו על ההרים

פאלגענד איז א ליסטע און די אדרעסן פון געשעפטן וועלכע זענען אונטער אונזער השגחה אין די קעטסקיל בערג
און די זומער חדשים, צום באנוץ פון די טויזנטער זומער איינוואוינער וועלכע וועלן בעז"ה ווילן אויף די בערג.

די וואס זענען אנגעצייכנט מיט א * זענען אפן אונטער אונזער השגחה אויך אגאנץ יאר

## Bloomingburg

**Cafe au Main***
Milchig Restaurant
78 Main Street
Bloomingburg, NY 12721
(845) 733-8508

**Fish Direct***
5 North Road
Bloomingburg, NY 12721
(845) 253-8040

## Fallsburg

**Fallsburg Bagels**
5692 St. Route 42
Fallsburg NY 12733
(845) 436-8731

At: Skopps Supermarket
404 Laurel, Ave
Fallsburg NY 12733
(845) 436-8731

## S Fallsburg

**Black & White Bakery**
At: Landaus Supermarket
3 Railroad Plaza
South Fallsburg NY 12733
(845) 436-8731

**Gombo's Bakery**
5230 Main St. (Rt 42)
South Fallsburg, NY 12779
845-436-4107

**Flavors Ice Cream**
Store & Truck
5206 Main St. (Rt. 42)
South Fallsburg, NY 12779
(845) 352-8670

## Monticello

**Oneg Bakery**
4 Waverly Ave.
Monticello, NY 12701
(845) 791-7048

**Rugelech Bakery***
4437 Route 42
Monticello, NY 12701
845-796-4796

**Natures Delight***
4437 Route 42
Monticello, NY 12701
845-796-0270

## Woodbourne

**Gombo's Bakery**
431 Route 52
Woodbourne, NY 12788
845- 693-4476

**Jerusalem II Pizza**
433 Route 52
Woodbourne, NY 12788
845-434-7499

## Woodridge

**Shlomies Bakery**
13 Green Ave
Woodridge, NY 12789
845-693-5146

## Liberty

**Save Rite Bakery**
1885 Route 52
Liberty, NY 12754
845-292-1055

**Liberty Kosher Pizza**
1885 Route 52
Libery, NY 12754
845-292-7499

## White Lake

**The Pizza Corner**
At: Motty's Supermarket
3395 Route 55
White Lake, NY 12786
845-583-4080

Hamechon 718.873.5058


**מחלקת הכשרות**
שע"י התאחדות הרבנים דארצות הברית וקנדא

CENTRAL RABBINICAL CONGRESS
OF USA AND CANADA

**85 Division Ave.** Brookln, NY 11249

**Tel.** 718.384.6765 **Fax.** 718.486.5574

**מערכת גליון "הכשרות"**

**Tel.** 718.412.8532 **Fax.** 718.486.5574

**Email.** hakashrus@gmail.com